Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 17, נומער 5 (85)

תּמוז תּשע״ב/יולי 2012

# מיט זעכציק יאָר צוריק

## אין אָנדענק פֿון די אומגעברענגטע[1] שרײַבער










**צוויי רעקאָרדירונגען און אַ בוך אין אָנדענק פֿון די אומגעברענגטע שרײַבער**

דעם 12טן אויגוסט 1952 האָט די סאָוועטישע מאַכט אומגעברענגט אין דער מאָסקווער תּפֿיסה[2], ליוביאַנקע, דרײַצן ייִדישע פּערזענלעכקייטן. צווישן זיי זענען געווען די שרײַבער דוד[3] בערגעלסאָן, דוד האָפֿשטיין, פּרץ[4] מאַרקיש, איציק פֿעפֿער, לייב קוויטקאָ, דער אַקטיאָר און רעזשיסאָר בנימין[5] זוסקין, ווי אויך זשורנאַליסטן, וויסנשאַפֿטלער[6], קולטור־ און פּאָליטישע טוערס. מע האָט זיי אַרעסטירט אין די יאָרן 1948–1949 און אָנגעקלאָגט[7] אין שפּיאָנאַזש און פֿאַרראַט[8]. נאָך לאַנגע פֿאַרהערן[9], פּײַניקונגען[10] און אַ כּלומרשטן[11] פּראָצעס[12], האָט מען זיי דערשאָסן.

אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[13] איז דאָס שוין געווען די צווייטע גרויסע כוואַליע[14] רדיפֿות[15] קעגן נאַציאָנאַלע מינאָריטעטן בכלל[16] און קעגן ייִדן בפֿרט[17]. בשעת ווען[18] ביזן סוף 1920ער יאָרן האָט די ייִדישע ליטעראַטור געקענט זיך אַנטוויקלען רעלאַטיוו פֿרײַ, איז פֿון אָנהייב 1930ער יאָרן אָן דער דרוק[19] פֿון דער סאָוועטישער מאַכט אויף אַלע קולטור־געביטן[20] געוואָרן גאָר שטאַרק. דער סאָצרעאַליסטישער סטיל[21] און פּאָליטישער אינהאַלט, מיט לויבן[22] פֿאַר סטאַלינען, זענען דעמאָלט אויפֿגעצוווּנגען געוואָרן אויף שרײַבער פֿונעם גאַנצן ראַטן־פֿאַרבאַנד.

אין יאָר 1937 איז פֿאָרגעקומען אַ גרויסע כוואַליע רדיפֿות אין פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿונעם סאָוועטישן לעבן – אַרמיי, פּאַרטיי און אויך קולטור, אַרײַנגערעכנט ייִדישע קולטור. דעמאָלט האָט מען אַרעסטירט און אומגעברענגט עטלעכע ייִדישע שרײַבער, ווי משה[23] קולבאַק און איזי כאַריק, ווי אויך ליטעראַטור־קריטיקער ווי משה ליטוואַקאָוו. מע האָט פֿאַרמאַכט אַ סך ייִדישע שולן, פֿאַרלאַגן[24], צײַטשריפֿטן און אַנדערע אינסטיטוציעס אין פֿאַרשיידענע שטעט. דאָס ייִדישע קולטור־לעבן איז פּראַקטיש צענטראַליזירט געוואָרן אין מאָסקווע, מיטן איינציקן פֿאַרלאַג – „דער אמת“[25] (געשריבן פֿאָנעטיש, לויטן סאָוועטישן אויסלייג[26] – „עמעס“).

אין די יאָרן פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה[27] האָבן זיך די רדיפֿות אָפּגעשטעלט. די סאָוועטישע מאַכט האָט געדאַרפֿט די אונטערשטיצונג[28] פֿון ייִדן אין אויסלאַנד צו קריגן פֿינאַנציעלע און פּאָליטישע הילף צו פֿירן מלחמה. האָבן עטלעכע ייִדישע

[סוף אויף ז׳ 8]

1. assassinés/murdered/שנרצחו 2. TFISE prison/בית סוהר 3. DOVID 4. PERETS 5. BINYOMIN 6. scientifiques/scientists/מדענים 7. accusés/accused/האשימו 8. trahison/treason/בגידה 9. interrogatoires/interrogations/תחקורים 10. tortures/עינויים 11. KLO'YMERSHTN de simulacre/mock/מדומה 12. procès/trial/משפט 13. URSS/USSR/ברית המועצות 14. vague/wave/גל 15. REDIFES persécutions 16. BIKHLA'L en général/in general 17. BIFRA'T en particulier/in particular 18. BESHA'S ... tandis que/whereas/ואילו 19. pression/pressure/לחץ 20. domaines/areas/תחומים 21. réalisme socialiste/socialist realism/ריאליזם סוציאליסטי 22. louanges/praise/שבחים 23. MOYSHE 24. maisons d'édition/publishing houses/הוצאות לאור 25. EMES vérité/truth 26. orthographe/spelling/כתיב 27. MILKHOME guerre/war 28. soutien/support/תמיכה



# דוד האָפּשטיין

דוד[1] האָפּשטיין איז איינער פֿון די גרעסטע ייִדישע ליריקער פֿונעם 20סטן יאָרהונדערט. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַן אוקראַיִניש שטעטל אין 1889. צו נײַן יאָר האָט ער אָנגעהייבן צו שרײַבן לידער אויף ייִדיש. ער איז איינער פֿון די גרינדערס פֿון דער אַזוי גערופֿענער קיִעווער גרופּע, וואָס האָט געשפּילט זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין דער ייִדישער ליטעראַטור באַלד נאָך דער רעוואָלוציע פֿון 1917. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט מיט דער מאָסקווער ליטעראַרישער גרופּע שטראָם[2]. איינס פֿון זײַנע באַרימטסטע ווערק איז די פּאָעמע *טרויער*[3] אָנגעשריבן נאָך די שרעקלעכע פּאָגראָמען פֿון די יאָרן 1921–1919. מע האָט זי אַרויסגעגעבן אין 1922 מיט אילוסטראַציעס פֿון מאַרק שאַגאַל. אין 1924 איז ער אַוועק אין בערלין, נאָך זײַן קאָנפֿליקט מיט דער סאָוועטישער מאַכט וואָס האָט זיך אָנגעהויבן ווען ער האָט פֿאַרטיידיקט[4] אַנדערע ייִדישע שרײַבער און זיך געשטעלט קעגן די רדיפֿות[5] אויף העברעיִש אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[6]. ער האָט אויך געמאַכט אַ רײַזע אין ארץ־ישׂראל[7], ווו ער האָט געשריבן אויף ייִדיש און העברעיִש. נאָר אַזוי ווי זײַן משפּחה[8] איז געבליבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, האָט ער זיך אומגעקערט אַהין אין 1926 און האָט געמוזט „זיך שלאָגן על־חטא פֿאַר זײַנע זינד[9]“. אין די מלחמה[10]־יאָרן האָט ער געאַרבעט מיט דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. נאָר באַלד האָט מען אים באַשולדיקט אין „קלייןבירגערלעכע[11]־נאַציאָנאַליסטישע שטימונגען“. האָפּשטיין איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1949 און אומגעקומען[12] מיט די אַנדערע שרײַבער דעם 12טן אויגוסט 1952.

1. dovid 2. courant/current/זרם 3. tristesse/sorrow/עצבות 4. défendu/defended/הֵגֵן על 5. redifes persécutions 6. URSS/USSR/ברית המועצות 7. erets-yisroel Palestine 8. mishpokhe famille/family 9. ... al-khe't faire acte de contrition pour ses péchés/confess his sins/להביע חרטה 10. milkhome guerre/war 11. petit-bourgeois/זעיר בורגני 12. *ici* fut assassiné/perished/נרצח *:כאן*.

## אַן עפּל
### דוד[1] האָפּשטיין

דו, ריינער לאָגל[2] פֿול מיט ווײַן, מיט שנייִק האַרטן[3],
ווי דורכזיכטיק, ווי דופֿטיק[4] איז דײַן דינינק הײַטל[5],
ווי מילד פֿאַרזיגלט[6] ביסט מיט שטעמפּעלעך[7] מיט צאַרטע
פֿון ביידע זײַטן !

וואָס זאָל איך טאָן ? די ציין, דער גומען[8] וואַרטן.
ווי זאָלן זיך די אויגן שוין צעשיידן
מיט אַזאַ גרויס אַ העלן אַ געגאַרטן[9]
פֿון פֿרילינגס־פֿריידן ?

אַ ווײַטער גרוס פֿון ווײַסע בליטן[10],
פֿון ערדן־רויך מיט זונענשטראַלן.
נאָר אָט די ציין – זיי וואַרטן, היטן[11]...
אַ ביס[12] – פֿאַרפֿאַלן[13]...

1. dovid 2. outre/wineskin/נאד יין 3. de vin dur comme la neige/with hard, snowy wine/מלא ביין קשה כשלג 4. odorant/aromatic/ריחני 5. peau/skin/עור 6. scellé/sealed/חתום 7. sceaux/seals/חותמות 8. palais/palate/חֵךְ 9. désiré/yearned for/שמשתוקקים לו 10. fleurs/blossoms/פריחה 11. gardent/guard/שומרים 12. morsure/bite/נשיכה 13. tant pis/too bad/כמה חבל.

**די הילע פֿון „טרויער“.**





# פרץ[1] מאַרקיש

פּרץ מאַרקיש איז געווען, לויט אַ סך קריטיקער, דער בעסטער עקספּרעסיאָניסטישער פּאָעט פֿון זײַן צײַט. ער איז געווען אַ שיינער, זייער כאַריזמאַטיש און מיט אַ פֿלאַמיקן טעמפּעראַמענט, און איז גאָר באַליבט געווען בײַ ייִדיש־לייענערס אויף דער גאַנצער וועלט.
ער איז געבוירן געוואָרן אין 1895 אין אַן אָרעמער משפּחה[2] אין אַ וואָלינער[3] שטעטל. ער איז פֿאַרוווּנדיקט געוואָרן אויפֿן פֿראָנט פֿון דער ערשטער וועלט־מלחמה[4] און דערנאָך זיך באַזעצט אין קיִעוו. ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן אין 1917 און באַלד איז ער אָנערקענט געוואָרן ווי אַן ערשטראַנגיקער[5] אַוואַנגאַרדיסטישער פּאָעט. ער איז איינער פֿון די יונגע מאָדערניסטישע שרײַבער (מיט דוד[6] האָפֿשטיין, לייב קוויטקאָ, דוד בערגעלסאָן און אַנדערע) וואָס מע רופֿט די קיִעווער גרופּע. איינע פֿון זײַנע באַרימטסטע שאַפֿונגען איז די פּאָגראָם־פּאָעמע די *קופּע*[7] (1922). אָנהייב צוואַנציקער יאָרן איז ער אַוועק אין וואַרשע, ווו ער האָט, צוזאַמען מיט מלך[8] ראַוויטש און אורי־צבֿי[9] גרינבערג געשאַפֿן די צײַטשריפֿט *כאַליאַסטרע*[10] (1922-1924). נאָך אַ פּאָר יאָר אין בערלין און רײַזעס אַרום דער ייִדישער וועלט האָט ער זיך אומגעקערט אין 1926 אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[11]. אין 1939 האָט ער געקראָגן דעם לענין־אָרדן[12]. ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט ער אַ סך געשריבן וועגן די לײַדן פֿון ייִדן אין פּוילן און מיטגעאַרבעט מיטן ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט. אין דער צײַט פֿון רדיפֿות[13] אויף דער ייִדישער קולטור אין ראַטן־פֿאַרבאַנד איז ער אַרעסטירט געוואָרן אין 1949 און דערשאָסן דעם 12טן אויגוסט 1952.
זײַן דראַמאַטיש לעבן איז לעצטנס באַשריבן געוואָרן אין אַ פֿראַנצייזישן ראָמאַן פֿון זשיל ראָזיע *פֿון אַ לאַנד אָן ליבשאַפֿט*[14], וואָס זײַנע הויפּטהעלדן זײַנען די דרײַ גרינדערס פֿון כאַליאַסטרע.

1. PERETS 2. MISHPOKHE famille/family 3. de Volhynie/in Volhynia/ וואהלין 4. MILKHOME guerre/war 5. de premier ordre/first-rate/ממדרגה ראשונה 6. DOVID 7. *Le Tas*, trad. Batia Baum, dans *Caravanes*, n° 7, 2001 ; *Le Monceau*, trad. Charles Dobzynski, L'Improviste, 2000/mound/עֲרֵמָה 8. MEYLEKH 9. URI-TSVI 10. bande (traduction française : *Khaliastra. La Bande*, Lachenal & Ritter, 1989)/gang/ כנופיה 11. URSS/USSR/ברית המועצות 12. Ordre de Lénine/Order of Lenin/עיטור לנין 13. REDIFES persécutions 14. Gilles Rozier, *D'un pays sans amour,* Paris, Grasset, 2011.

# דער וועג אין געטאָ

## פּרץ[1] מאַרקיש

אַ וויגל[2] אָן אַ קינד. אַ לײַכטער[3] אָן אַ ליכט.
אַן אוראַלטע מצבֿה[4] מיט פֿאַרמעקטע[5] נעמען.
די שוועל[6] איז נידעריק און אָפֿן איז די טיר, –
ווער סע פֿאַרלאַנגט – דער קאָן עס קומען נעמען...

אַ קלומעק[7] בײַ דער זײַט. אַ שטעקן פֿאַר דעם וועג.
און אין דער הייך – אַ שטערן, ווי אַ שטילער יאָרצײַט[8] פֿלעמלט.
ס'איז אויסגעציילט ביז לעצט דער אָרעמער פֿאַרמעג[9], –
ווער סע פֿאַרלאַנגט – דער קאָן עס קומען נעמען...

פֿון ווײַטע גענג[10] – אַ ניט־געשטילטער רעש[11].
און טרויער ליכטיקער פֿון וועלן אַלץ באַנעמען[12].
ס'איז אַלץ אין ווײ פֿון טליִענדיקן אַש[13], –
ווער סע פֿאַרלאַנגט – דער קאָן עס קומען נעמען...

אַן אויפֿגעוויגטער[14] קאָפּ, אַן אויסגעשטרעקטער האַלדז.
אַ טרוימענדיקער בליק אונטער פֿאַרוויינטע ברעמען[15].
מער גאָרניט איז פֿאַראַן. אָט דאָס איז אַלץ.
ווער סע פֿאַרלאַנגט – דער קאָן עס קומען נעמען...

[...]

1. PERETS 2. berceau/cradle/עריסה 3. bougeoir/candlestick/פמוט 4. ... MATSEYVE pierre tombale ancienne/ancient tombstone 5. effacés/worn out/מטושטשים 6. seuil/threshold/מפתן 7. baluchon/bundle/צרור 8. bougie pour l'anniversaire d'un décès/candle lit on anniversary of a death/נר נשמה 9. biens/goods/רכוש 10. *ici* chemins parcourus/*here* distances covered/מרחק רב 11. RASH vacarme/noise 12. comprendre/understand/להבין 13. cendres incandescentes/ glowing ash/אפר לוהט 14. ballotté/swaying/מתנדנד 15. *ici* cils/*here* eyelashes/*כאן:* ריסים



דוד בערגעלסאָן. בילד : לעאָן פּאָך.

מאַפּע פֿון ביראָבידזשאַן




# דוד[1] בערגעלסאָן

דוד בערגעלסאָן (1952-1884) איז געווען דער וויכטיקסטער ייִדישער פּראָזאַיִקער פֿון זײַן דור[2]. שוין מיט זײַן ערשט ווערק, *אַרום וואָקזאַל*[3] (1909) האָט ער רעוואָלוציאָנירט דעם סטיל פֿון דער ייִדישער פּראָזע. זײַן באַרימטער ראָמאַן *נאָך אַלעמען* (1913) איז אויפֿגענומען געוואָרן דורך דער קריטיק מיט גרויס ענטוזיאַזם. ער איז געווען דער ערשטער אימפּרעסיאָניסט אין דער ייִדישער ליטעראַטור און האָט דער עיקר[4] איבערגעגעבן די שטימונג פֿון דעקאַדענץ, מעלאַנכאָליע און אָפּהענטיקייט[5] אין אַ ייִדיש שטעטל אין די יאָרן אַרום דער ערשטער וועלט־מלחמה[6]. אין דער צײַט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער געווען איינער פֿון דער קיִעווער גרופּע, דערנאָך, אין די יאָרן פֿון די אוקרײַנער פּאָגראָמען, איז ער אַוועק אין בערלין, וווּ ער האָט פֿאַרברענגט לאַנגע יאָרן. קורץ פֿאַרן אומקערן זיך אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[7] אין 1934 האָט ער אַרויסגעגעבן דעם ראָמאַן *ביראָבידזשאַנער*. צוליב דעם דרוק פֿון דער סאָוועטישער צענזור און קריטיק האָט ער אין די דרײַסיקער און פֿערציקער יאָרן געדאַרפֿט שטאַרק בײַטן זײַן סטיל, ער זאָל זיך צופּאַסן צו דעם אָפֿיציעלן סאָצרעאַליזם[8]. מע האָט אים אַרעסטירט אין 1949 און אומגעברענגט[9] דעם 12טן אויגוסט 1952. *ביראָבידזשאַנער* האָט ער אָנגעשריבן נאָך אַ רײַזע אין ביראָבידזשאַן, דער ייִדישער אויטאָנאָמער געגנט אויפֿן ווײַטן מיזרח[10] פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד. ער באַשרײַבט דאָרטן די אָנהייבן פֿון דער ייִדישער קאָלאָניזאַציע. אין דעם קאַפּיטל, וואָס מיר דרוקן דאָ פֿון אים אַ פּאָר פֿראַגמענטן, שילדערט ער די גרינדונג פֿון דעם קאָלכאָז וואַלדהיים, אין מיטן טײַגע. די צוויי העלדן, שימקע און זאַקס, פֿרישע אימיגראַנטן וואָס זײַנען נאָר וואָס אָנגעקומען מיט דער באַן, זוכן אַ צוגעפּאַסט, טרוקן אָרט ווּ צו בויען הײַזער.



1. DOVID 2. DOR génération 3. gare/railway station/תחנת רכבת 4. … IKER surtout/mainly/בעיקר 5. impuissance/helplessness/חוסר אונים 6. MILKHOME guerre/war 7. URSS/USSR/ברית המועצות 8. réalisme socialiste/social realism/ריאליזם סוציאליסטי 9. assassiné/killed/נרצח 10. … MIZREKh Extrême-Orient/Far East.

# בירָאבידזשאַנער
## (פֿראַגמענטן פֿונעם ראָמאַן)
## דוד[1] בערגעלסאָן



**קאָלאָניסטן אין בירָאבידזשאַן**

[...] זעט מען שוין, זאָגט ער, ווי דיביימער זײַנען ביימער, מע קען פֿון זיי האָבן די ברעווענטשאַטע הײַזער[2], אי די ערד איז דאָ טרוקן גלײַך ווי אויפֿן טיש. עס קאָן זיך דאָ אויסשטעלן אַ דאָרף און אַפֿילו[3] אַ שטאָט. אָט דאָ וועט שטיין איין גאַס, און דאָ אַנטקעגן – די אַנדערע...

בײַ שימקען צעלויפֿן[4] זיך די אויגן :

– אָט דאָ ?

– יאָ, – ענטפֿערט קאַלט זאַקס – טאַקע דאָ.

ער שטעלט אָן אויף שימקען אַזאַ בליק, אַקוראַט ווי[5] ער וואָלט פֿרעגן :

– פֿאַר וואָס דען ניט ? וואָס איז דאָ דער ווונדער ? [...]

– ניין, פֿון אַזאַ שטיקל אָרט גייט מען ניט אַוועק.

אמת[6], דאָס וואַסער, וואָס מע האָט אין דער נאָענט געפֿונען, איז ניט אַזוי איי־איי־איי[7], נאָר ווער וועט דען ניט לאָזן אויסגראָבן דאָ אַ טיפֿערן ברונעם[8], ווו דאָס וואַסער, מעגלעך, וועט זײַן גאָר גוט ? כּדאַי[9], פֿונדעסטוועגן, אַ פּרווו צו טאָן : ווי אַזוי וועט דאָס געפֿונענע וואַסער זײַן אויפֿן טעם[10], אַז מע וועט עס אָפּקאָכן – מע זעט דאָך : אַפֿילו רויערהייט[11] קאָן מען זיך מיט דעם ניט סמען[12]. אַ טשײַניק[13] אויף אָנצוטשעפּען און אָפּקאָכן וואַסער געפֿינט זיך בײַ זאַקסן אין זעקל.

[...] ווי באַלד מע האָט זיך אָפּגערוט, פֿאַרטרונקען מיטן אויפֿגעקאָכטן וואַסער, ווי מיט טיי, ווילט זיך דאָ עפּעס אַ באַלעבאַטעווע טאָן[14], און זאָל עס הייסן ווי מע וויל : „אַ חזקה געבן[15]“, „קונה זײַן[16] דאָס אָרט“ – דערווײַזן, אַז מע איז דאָ געווען די ערשטע. אין קאָנטאָר[17] האָט מען פֿײַנט צו גלייבן עמעצן אויף נאמנות[18], איז בעסער, אַז מע וועט זיי דאָ נאָך דעם קאָנען באַווײַזן... ט'האָט איר[19] אײַך אַ סימן[20].

שימקע נעמט זײַן מיטגעבראַכטע האַק, שאַרט זיך מיט איר אַוועק פֿונעם בײַדל[21], דרייט זיך אַ ווײַלע צווישן די ביימער, באַקוקט איטלעכן גרעבערן בוים פֿון אויבן אַראָפּ און פֿון אונטן אַרויף, פֿאַרמוחעט זיך[22], פֿײַפֿט דערבײַ צו מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט צום בוים זאָגן :

– איי, גוטער ברודער, וועט פֿון דיר זײַן גוטער מאַטעריאַל – דאָ אויפֿן אָרט קוילעט[23] מען דיך און דאָ אויפֿן אָרט וועט מען פֿון דיר בויען אַ הויז, ווײַט וועט מען דיך ניט דאַרפֿן שלעפּן.

לעבן איינעם אַ נישקשהדיק גראָבן[24] בוים בלײַבט ער שטיין און באַקומט אַ גוואַלדיקן יצר־הרע[25] אַ האַק צו טאָן אין אים מיט דער האַק. [...]

– אויב דאָ־אָ וועט אַ מאָל זײַן אַ גרויסער קאָלווירט[26] – אַ דאָרף, איז דאָך דער ערשטער האַק עפּעס ווערט[27] – אַנו, וואָס פֿאַר אַ טעם האָט ער ?

– טפֿו, טפֿו...

שימקע טוט אַ לײַכטן שפּײַ אין איין האַנט. אין דער צווייטער פֿאַרוואַרפֿט ער די האַק ווײַט אַרונטער און לאָזט אַרײַן איר שאַרף[28] נידעריק אין בוימס שטאַם[29] אַרײַן, נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל, און פֿונעם בוימס שטאַם [...] הייבן אָן פֿליִען די ערשטע שפּענדלעך[30]. [...] אונטער דער בײַסיקער שאַרף פֿון האַק ווערט דער זאַפֿטיק־פֿרישער קאַרב[31] אין בוים אַלץ טיפֿער. ער פֿאַרשיכּורט[32] שימקעס בליק, רופֿט בײַ אים אַרויס אַלץ מער און מער אימפּעט[33], אַ זיס שיכּרות[34] גיסט זיך אַרײַן שימקען אין קאָפּ, אין אַלע אבֿרים[35] איטלעכס מאָל, וואָס ער טוט אַ טראַכט :

– דער ערשטער בוים, אַ ? [...]

– ס'איז געשען...

די אַרומיקע ווידערקולות[36] האָבן זיך ביסלעכווײַז אײַנגעשטילט. זאַקס האָט אַ הוסט געטאָן – איין מאָל און צוויי מאָל, ניט געכאַפּט[37] אַ וויש געגעבן זײַן מויל אַהין און צוריק, גאַנץ שטיל אַ זאָג געטאָן :

– נו ... זאָל זײַן מיט מזל[38].

אוןביידע – זאַקס און שימקע – זײַנען געבליבן שטיין אַ ביסל פֿאַרמוחעט און פֿאַרמוחעטערהייט[39] געקוקט אויפֿן אומגעפֿאַלענעם בוים – דער ערשטער אומגעפֿאַלענער בוים דאָ אין דער טײַגע, דאָ, ווו זאַקס האָט פֿריִער אַ ביסל אָנגעוויזן : „דאָ וועט שטיין איין גאַס, און דאָ אַנטקעגן וועט שטיין די אַנדערע“. אויך איצט האָט זאַקס אויסגעזען, ווי איינער, וואָס אויסבויען דאָ אין דער טײַגע אַ דאָרף צי אַ שטאָט איז בײַ אים איינע פֿון די גרינגסטע זאַכן – אַ שפּײַ און שוין...



1. DOVID 2. cabanes en rondins/log cabins/בקתות מבולי עץ 3. AFILE même/even 4. font le tour du lieu/look all around/מתרוצצות 5. exactement comme si/just as if/ממש כאילו 6. EMES c'est vrai/true 7. pas terrible/not so great/לא מי יודע מה 8. puits/well/בְּאֵר 9. KEDA'Y ça vaut la peine/it's worthwhile 10. ... TAM au goût/to the taste 11. non bouilli, tel quel/just as it is, untreated/כאן: פי שהם, לא רתוחים 12. SAMEN s'empoisonner/be poisoned/לחלות 13. bouilloire/kettle/קומקום 14. prendre les choses en main/put things in order/לקחת את העניינים לידיים 15. KHAZOKE ... prendre possession/take possession/לנכֵּס 16. KOYNE ... acquérir/acquire/לרכוש 17. bureau/office/משרד 18. ... NEMONES sur parole/on faith/לתת אמון במילה 19. אָט האָט איר 20. SIMEN la preuve/a proof/הוכחה 21. cabane/cabin/ביקתה 22. FARMOYKHET ... réfléchit/thinks it over/הרהר על כך 23. on abat/bring you down/שוחטים 24. NISHKO'SHEDIK ... de bonne taille/pretty hefty/רחב למדי 25. YEYTSER-HORE forte envie/strong desire/חשק רב 26. kolkhoze 27. vaut quelque chose/is worth something/שווה משהו 28. tranchant/blade/לַהַב 29. tronc/trunk/גזע 30. copeaux/chips/שביבים 31. entaille/notch/חָרִיץ 32. FARSHIKERT enivre/intoxicates/משכר 33. entrain/momentum/תנופה 34. SHIKRES ivresse/intoxication 35. EYVRIM membres/limbs 36. VIDERKOYLES échos/echoes/הדים 37. lentement/slowly/לאט 38. ... MAZL bonne chance/good luck to us 39. FARMO'YKHETERHEYT absorbés/deep in thought/שקועים במחשבות.

# אַלף־בית[1]

## פֿון לייב קוויטקאָ

דאָס איז אַן אַלף־בית פֿאַר קינדער אָפּגעדרוקט אין מאָסקווע, אינעם יאָר 1947. דער מחבר[2], לייב קוויטקאָ (1890–1952), איז געווען גאָר אַ פּאָפּולערער קינדער־שרײַבער אויף ייִדיש, וואָס מע האָט אים אויך אַ סך איבערגעזעצט אויף רוסיש. ער איז אויך געווען אַ לירישער פּאָעט, איינער פֿון דער מאָדערניסטישער קיִעווער גרופּע וואָס האָט זיך געשאַפֿן אין דער צײַט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע. ער איז אומגעקומען[3] דעם 12טן אויגוסט 1952. מיר האָבן דאָ געמאַכט אַן אויסקלײַב פֿון זײַנע אַלף־בית־לידער. עטלעכע פֿון זיי זענען אינספּירירט פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר, אַ פּאָר זענען אין סאָוועטישן סטיל (אין יענע יאָרן האָט מען ניט געקענט אַרויסגעבן קיין בוך אויב ס'איז דאָרטן ניט געווען קיין לויב[4] פֿאַר סטאַלינען אָדער פֿאַר דער סאָוועטישער מאַכט). אינעם אָריגינאַל זענען די העברעיִש־שטאַמיקע ווערטער געשריבן פֿאָנעטיש – אַזוי פֿלעגט מען שרײַבן אין ראַטן־פֿאַרבאַנד[5]. די אילוסטראַציעס זענען פֿונעם באַקאַנטן קינסטלער מיכאל[6] יאָ.

**א**

אַן אַלף[7] האָט פֿיר עקלעלעך –
אַ שטעקל מיט צוויי פֿלעקעלעך[8].

**ב**

באַר[9] און באַל[10] פֿליִען ווייל –
באַל צום באַלקן[11], באַר צום מויל.

**ג**

גאַנדז[12] און גאָנער[13]
גייען שפּאַצירן,
געלע
גענדזעלעך זיי פֿירן.

**ד**

דאָס דריידל[14] דרייט זיך,
דאָס יאַטל[15] פֿרייט זיך.

**ה**

הוידלקע[16], הייב זיך
העכער און העכער,
הייב די קינדער
ביז די דעכער !

**ו**

פרווו פֿאַרהאַלטן אַ ווולקאַן,
פרווו אים אײַנשפּאַנען אין שפּאַן[17] !

**ז**

זאַנגען[18] קענען שטיל ניט שטיין,
אַז דער ווינט זיי בייגט.
זאָגן זאַנגען יאָ און ניין –
ווי דער ווינט זיי נייגט[19].

זשיראַף, זשיראַף, דו זײַ געהיט –
אַ זשוקל[20] קריכט, צעטרעט עס ניט.

**ט**

– טאַ־טאַ־טי ! שפּילט די פֿלייט[21],
טאַנצט דער אינדיק[22] אויף דער בייט[23].
טויבן בײַ דעם טויבנשלאַק[24]
בעטן : „טאַנץ אונדז אַ האָפּאַק[25] !“

**י**

איך, דער יוד[26],
בין אַוודאי[27] ניט גרויס !
נאָר ייִדיש
קומט אָן מיר ניט אויס[28] !

אוי, איי, אײַ !
קומען זיך הוידען[29] דרײַ :
אוי, איי און אײַ.
– אוי, כ'האָב מורא[30], – זאָגט דער אוי, –
די הוידע איז דאָך הויך אַזוי !
– אײַ, – זאָגט אײַ, – ס'איז דאָך כּדאַי[31] !
– היי, – שרײַט פֿריילעך אויס דער איי
און כאַפּט און זעצט זיך אויף מיט זיי.

**כ/ח**

חבֿרה[32], כ'האָב אַ זאַך פֿאַר אײַך !
כאַפּן פֿישעלעך אין טײַך !
כ'האָב אײַך נעכטן דאָך געבראַכט
אַכצן קאַרפּן גאָר אַ פּראַכט[33] !

**ל**

לייטערל[34], לייטערל, שטעל זיך אויף,
לאָז מיך אויפֿן דאַך אַרויף,
וועל איך זען מיט אַ מאָל –
פֿאָנען[35] פֿאָכען אָן אַ צאָל.

**מ**

– מאַמע, מאַמע, מאָל איך שיין ?
– מאָלסט, מײַן טאָכטער, מלא־חן[36] !

**נ**

נעסטן[37] לעבן נוסנבוים[38]
נאָענט בײַם קאַרניז[39],
נעסטן פֿול מיט עופֿעלעך[40],
נוסנבוים – מיט ניס.

**ס/שׂ**

סאַליוטן[41], סאַליוטן אין מאָסקווע,
עס דונערט[42] מיט שׂימחה[43], עס קוועלט[44] :
די שׂונאים[45] מיר האָבן פֿאַרטריבן
און שלום[46] געגעבן דער וועלט !

**ע**

עס פֿירט דאָס פֿערד פֿון ווײַטן באַרג
דעם קאָלווירטניק[47] אויפֿן מאַרק.
עפּל רויטע,
העלן האָניק,
עמערס פֿול מיט עסנוואַרג.

אלעפּביים

1. ALEF-BEYS alphabet 2. MEKHABER auteur/author/סופר 3. *ici* fut assassiné/was killed/*כאן:* נרצח 4. louanges/praise/שבחים 5. URSS/USSR/ברית המועצות 6. MIKHOEL 7. ALEF (la lettre)/(the letter) 8. piquets/pegs/יתדות 9. poire/pear/אגס 10. ballon/ball/כדור 11. plafond/ceiling/תקרה 12. oie/goose/אווזה 13. jars/gander/אווז 14. toupie/top/סביבון 15. petit gars/little boy/ילדון 16. balançoire/swing/נדנדה 17. mettre sous le joug/harness it/לרתום 18. épis/stalks/גבעולים 19. incline/pushes them/מכופף 20. petit scarabée/little bug/חרק קטן 21. flûte/חליל 22. dindon/turkey/תרנגול הודו 23. plate-bande/flower bed/ערוגה 24. pigeonnier/pigeon coop/שובך יונים 25. danse joyeuse/lively dance/ריקוד עליז 26. la lettre yud/the letter yud 27. AVADE bien sûr/certainly/בוודאי 28. ne peut pas se passer de moi/can't do without me/לא מסתדר בלעדי 29. balancer/swing/להתנדנד 30. … MOYRE j'ai peur/I'm afraid/אני מפחד 31. … KEDA'Y ça vaut la peine/it's worth it 32. KHEVRE les amis !/friends! 33. magnifiques/splendid/נהדרים 34. échelle/ladder/סולם 35. drapeaux/flags/דגלים 36. MOLE-KHEYN plein de charme/full of charm 37. nids/nests/קינים 38. noyer/nut tree/עץ אגוזים 39. corniche/cornice/כַּרְכֹּב 40. O'YFELEKH oisillons/baby birds/גוזלים 41. *ici* salves/*here* salvoes/*כאן:* מטחים 42. tonne, résonne/thunders/רועם 43. SIMKHE joie/joy 44. déborde de joie/there's rejoicing/הכל עולץ 45. SONIM ennemis/enemies, *sing.* שׂונא SOYNE 46. SHOLEM paix/peace 47. membre d'un kolkhoze/member of a kolkhoz/חבר בקולחוז.

**פּ**

פּען, פּענדזל[48] און פּאַפּיר –
פּוץ איך אויס[49] אַ גאָרטן דיר :
פּאַוועס[50] זיצן אויף די ערטער,
פּאָפּוגײַען[51] שרײַען ווערטער,
פּיפּערנאָטער[52] אין מונדיר[53] –
פּיף־פּאַף – שיסט אין טיר.

**צ**

מײַן ציבעלע וואַקסט,
די שפּיצן צעצויגן.
דאָס ציגעלע וואַרפֿט
צו דעם די אויגן.
ניטע[54], ציג !

**ק**

קלאַפּט אַ קינד אין פּײַקל[55] :
– קומט אַהער, קומט אַהער !
אַ קאָמעדיע מיט אַ בער ;
קונצן ווײַזט אַן אַלטער שפּער[56] ;
קלוגע קעמלען טאַנצן שערן[57] ;
קראָקאָדילן גיסן טרערן !

**ר**

רעדט צום ריבאײַזן[58] די מער[59] :
דײַן גלאַטע זײַט געפֿעלט מיר מער !

**ש**

שמידער[60], שמידער,
שטעל אונדז ווידער
שטאַרקע גליטשערס[61],
שטעל אַנידער
אונדז צו גליטשן זיך אויף זיי.
פֿעטער שניאור[62],
שיט אָן ווידער,
שניי אויף שניי !

48. pinceau/brush/מברשת 49. décore/decorate/מקשט 50. paons/peacocks/טווסים 51. perroquets/parrots/תוכים 52. dragon/דרקון 53. uniform/מדים 54. non !/No!/לא! 55. petit tambour/small drum/תוף קטן 56. moineau/sparrow/ציפור דרור 57. danses joyeuses/lively dances/ריקוד עליז 58. rappe/grater/פומפיה 59. carotte/carrot/גזר 60. ferronnier/blacksmith/נַפָּח 61. patins/blades/מגלשיים 62. ... SHNEYER *ici* hiver/*here* winter/*כאן:* חורף.



## לאָמיר זיך שפּילן...

# ווער איז דאָס ?

## פּסעוודאָנימען פֿון ייִדישע שרײַבער

ווי איר האָט שוין זיכער באַמערקט, האָבן גאָר אַ סך ייִדישע שרײַבער פּסעוודאָנימען – אַ מאָל ערנסטע (אָדער גאָר פּרעטענציעזע !), אַ מאָל קאָמישע און שיינע ווערטערשפּילן. אָפֿט געדענקען די לייענערס נאָר דעם פּסעוודאָנים און ווייסן שוין ניט ווי דער שרײַבער האָט געהייסן. פּרוּווט טרעפֿן ווער איז ווער !

### אמתע[1] נעמען

1. מיט זײַן פּסעוודאָנים האָט **שלום**[2] **ראַבינאָוויטש** (1916-1859) געוואָלט באַגריסן זײַנע לייענערס.
2. **שלום־יעקבֿ**[3] **אַבראַמאָוויטש** (1917-1836), איינער פֿון די קלאַסיקער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט געהאַט אַ העלד וואָס פֿירט אַ וואָגן פֿול מיט ביכער צו פֿאַרקויפֿן.
3. דער סימבאָליסטישער שרײַבער **פּנחס**[4] **קאַהאַנאָוויטש** (1950-1884) האָט זיך גוט באַהאַלטן הינטער זײַן פּסעוודאָנים.
4. **שמואל**[5] **טשאַרני** (1955-1883), דער באַרימטער ייִדישער קריטיקער, וואָס זײַן נאָמען מיינט „שוואַרץ“, האָט זיך געפֿונען אַ פּסעוודאָנים וואָס מיינט פּונקט דאָס זעלבע.
5. **יוסף**[6] **טונקל** (1949-1881) איז געווען אַ גלענצנדיקער[7] הומאָריסט מיט ניט קיין גלענצנדיקן נאָמען.
6. ניט אַלע ווייסן אַז דער מחבר[8] פֿונעם *דיבוק*[9] האָט אין דער אמתן[10] געהייסן **שלמה**[11]**־זאַנוול ראַפּאָפּאָרט** (1920-1863).
7. **יצחק**[12] **זינגער** (1991-1904) האָט ניט געוואָלט מע זאָל אים פֿאַרמישן מיט זײַן עלטערן ברודער ישׂראל־יהושע[13] און האָט זיך אויסגעקליבן אַ פּסעוודאָנים לויט זײַן מאַמעס נאָמען.
8. **לייוויק האַלפּערן** (1962-1888) האָט באַשלאָסן אַז איין פּאָעט מיטן נאָמען האַלפּערן אין ניו־יאָרק איז שוין גענוג.
9. **יצחק רײַז** (1943-1885), אַ פּאָעט, סאַטיריקער און קריטיקער האָט מיט זײַן פּסעוודאָנים געוואָלט זאָגן אַז ער גיט זײַנע ווערק אַ מתּנה[14] דעם ייִדישן לייענער.
10. **איזידאָר עליאַשעוו** (1924-1873), אַ באַקאַנטער קריטיקער, האָט געוואָלט געבן צו פֿאַרשטיין אַז ער טראַכט אַ סך.
11. **שלום שוואַרצבאַרד** (1938-1886), אַ פּאָעט און אַ זייגער־מאַכער וואָס האָט דערשאָסן אין פּאַריז אַן אוקראַיִנישן פּאָגראָמשטשיק פֿלעגט אונטערשרײַבן זײַנע לידער מיט אַ ראָמאַנטישן פּסעוודאָנים.



### פּסעוודאָנימען

א. אַנ–סקי
ב. דער טונקעלער
ג. יצחק באַשעוויס
ד. בעל־מחשבֿות[15]
ה. דער נסתּר[16]
ו. בעל־החלומות[17]
ז. שמואל ניגער
ח. שלום־עליכם[18]
ט. ה.[19] לייוויק
י. משה[20] נאַדיר
י״א. מענדעלע מוכר־ספֿרים[21]

[די ענטפֿערס אויף ז׳ 8]

1. E'MESE véritables/real/אמיתיים 2. SHOLEM 3. SHOLEM-YANKEV 4. PINKHES 5. SHMUEL 6. YOYSEF 7. brillant/מבריק, זוהר 8. MEKHABER auteur/author 9. DIBEK dibbouk/dybbuk 10. ... E'MESN véritablement/really/למעשה 11. SHLOYME 12. YITSKHOK 13. YISROEL-YESHUE 14. MATONE cadeau/present 15. BAL-MAKHSHOVES penseur/thinker 16. ... NISTER caché/hidden 17. BAL-KHALOYMES rêveur/dreamer 18. SHOLEM-ALEYKHEM *formule de salutation/greeting* 19. HEY 20. MOYSHE 21. MOYKHER-SFORIM colporteur de livres/bookseller.

# פֿאָרווערטס

אַרטיקל דערשינען אין דער ניו־יאָרקער צײַטונג *פֿאָרווערטס* דעם 25סטן מײַ 2012


# ייִדיש רעדנדיקע פּאָליציי אין ישׂראל[1]


פֿון רעניי גערט־זאַנד




אויב איר האָט צו זיך לעצטנס געזאָגט אַז קיין סך פּרנסה[2] וועט די ישׂראל־רעגירונג נישט געבן ייִדיש־רעדערס אין דער מדינה[3], האָט איר געהאַט אַ טעות[4]. דהײַנו[5] : די פּאָליציי־אינסטאַנץ אין ירושלים[6] זוכט ייִדיש־רעדערס, וועלכע זאָלן ווערן אַ טייל פֿון דער „פּאָליציי־צענטראַלער גרופּע". לויט דער חרדישער[7] וועבזײַט „בחדרי חרדים"[8] האָט מען אויפֿגעקלעפּט פֿלוגבלעטלעך איבער דער שטאָט, אויף וועלכע עס שטייט, אַז „די ישׂראלדיקע פּאָליציי פֿון ירושלים זוכט געבוירענע ייִדיש־רעדערס פֿאַר אַן אינ־טערעסאַנטער און קאָמפּליצירטער פּאָזיציע. פֿאַר דער פּאָזיציע מעגן אַרײַנטראָגן אַן אַפּלי־קאַציע סײַ מענער, סײַ פֿרויען, וואָס האָבן שוין פֿאַרענדיקט זייערע שטודיעס. די פּאָזיציע איז נישט פֿאַר קיין סטודענטן. דאָס הייסט, אויב מען איז נאָך אַ ישיבֿה־בחור[9] קען מען נישט זײַן קיין פּאָליציאַנט אין דער זעלבער צײַט.

קאָנטאַקטן אין די ירושלימער פּאָליציי־אָפּטיילן דערציילן, אַז במשך[10] פֿונעם הײַנטיקן יאָר זוכט מען פּאָליציאַנטן, וועלכע שטאַמען פֿון פֿאַרשיידענע סעקטאָרן אין דער געזעלשאַפֿט, ווי : עטיאָפּיער, רוסישע און אַראַבער. צוליב די אויספֿאָרשונגען[11] לעצטנס אין דער חרדישער קהילה[12], דאַרף מען נייטיק האָבן יחידים[13], וועלכע קענען זיך בעסער פֿאַרשטענדיקן מיט דער דאָזיקער קהילה. די נײַע ייִדיש־רעדנדיקע פּאָליציי וואָלט מען גענוצט פֿאַר אויסשפּיר־דינסט[14], אויספֿאָרשונגען פֿון פֿאַרברעכנס[15] און פֿאַר דער באַהאַנדלונג פֿון פֿאַרברעכערס. אַזוי לאַנג ווי די פּאָליציי וועט אויספֿרעגן פֿאַרברעכערס אויף ייִדיש, איז מאַמע־לשון[16] נישט טויט אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן !

1. yisroel 2. parnose source de revenus/livelihood 3. medine État/state 4. toes erreur/mistake 5. dehayne c'est-à-dire/that is 6. yerusholaim Jérusalem 7. khare'ydisher ultra-orthodoxe/ultra-orthodox 8. bekhadre-khareydim בײַ די פֿרומע 9. yeshive-bokher étudiant de yeshiva/yeshiva student 10. bemeshekh au cours de/in the course of 11. enquêtes/investigations/חקירות 12. kehile communauté/community 13. yekhidim individus/individuals 14. service de renseignement/intelligence service/שירותי ריגול 15. crimes/פשעים 16. ...-loshn ייִדיש.

[סוף פֿון ז׳ 1]

קולטור־טוער[29] אויף סטאַלינס באַפֿעל[30] געגרינדט אין 1942 דעם ייִדישן אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט, וואָס האָט געשיקט דעלעגאַציעס אין ענגלאַנד און אַמעריקע, מיט דעם פּאָעט איציק פֿעפֿער און דעם רעזשיסאָר און אַקטיאָר שלמה[31] מיכאָעלס. נאָר נאָך דער מלחמה האָבן זיך די אַנטיסעמיטישע שטימונגען צוריקבאַוויזן. מיכאָעלסן האָט מען געטייט אין אַן „אויטאָ־אַקצידענט" אין 1948 און די אַנדערע מיטגלידער פֿונעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט האָט מען אַרעסטירט. דעמאָלט האָט מען אויך ליקווידירט אַלע ייִדישע קולטור־אינסטיטוציעס אין ראַטן־פֿאַרבאַנד. אין דעם נומער וועט איר געפֿינען עטלעכע שאַפֿונגען פֿון די שרײַבער וואָס זענען אומגעקומען[32] דעם 12טן אויגוסט 1952.

29. personnalités/leaders/מנהיגים 30. ordre/order/פקודה 31. shloyme 32. *ici* ont été tués/were killed/*כאן:* נרצחו.


דער ייִדישער
טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.



Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com



מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com

Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס




[ענטפֿערס אויפֿן שפּיל פֿון זײַט 7]

1–ח.
2–י"א.
3–ה.
4–ז.
5–ב.
6–א.
7–ג.
8–ט.
9–י.
10–ד.
11–ו.

